שנה ג'
נומער צ"ט
פרשת חיי שרה
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א



**אינגאנצן לינקס איז מוהרא"ש זי"ע אלץ בחור**
**דערנעבן איז הרה"ג מנחם זאב שיק זי"ע - טאטע פון מוהרא"ש זי"ע**

## א ווארט

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### וואס איז געווען די חיות פון מוהרא"ש

מוהרא"ש פלעגט מיר זאגן כסדר: "מיין גאנצע חיות איז ווען א בחור אדער אינגערמאן קומט מיר זאגן אז ער האט געמאכט א סיום"; און איין מאל אינמיטן זומער האט מיך מוהרא"ש אנגערופן, און דער גאנצער שמועס איז געווען אז ער איז זיך מחזק מיט א תלמיד פון ישיבה וואס וואלט קיינמאל נישט געלערנט ווען נישט די ישיבה און ווען נישט דעם "סדר דרך הלימוד".

עצתו אמונה ויקרא תשע"ו

## זמנים Liberty

פרשת חיי שרה תשפ"ב
כ"ד חשון - שבת מברכים כסלו

מולד: דאנערשטאג נאכט 55 מינוט און 13 חלקים נאך 12

הדלקת הנרות ........... 05:38
מוצאי שבת .............. 07:07

**מנחה מעריב פאר פרשת תולדות................ 06:45**

# שטעטל נייעס

## דירות פארשריט

וואס טוט זיך מיט פרישע דירות אין שטעטל? דאס איז א קשיא וואס ליגט כסדר אויפן טיש, וויפיל דירות עס איז נאך דא, איז אלץ דא א שטארקע פארלאנג פאר נאך דירות.

פארגאנגענעם יום טוב פסח העעל"ט האט מען אנגעהויבן גראבן פרישע 8 בנינים וואס ענטהאלט פרישע 16 דירות, די פלאן איז געווען מען זאל עס שוין האבן פארטיג אין די זומער חדשים, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש געוואלט, נישט אלץ גייט פונקטליך וויאזוי דער מענטש טראכט און וויל, אין די קומענדיגע וואכן וועלן די דירות ווערן פארטיג, א לאנגע צייט האט מען געווארט אז די עלעקטריק פירמע זאל קומען און אריינציען לעקטער, ברוך השם אז די פירמע איז געקומען פארטיגן זייער חלק פון די ארבעט, כדי צו האבן לעקטער, יעצט ארבעט מען שווער צו האבן די לעקטער געצויגן צו יעדע דירה, עס ווערט געצויגן אינטער די ערד, נישט אויף לעקטער שטאנגען, כדי עס זאל זיין שענער און געשמאקער פאר די איינוואוינער.

מען האפט אז גאר בקרוב וועלן זיך די איינוואוינער קענען אריינציען בשעה טובה ומצלחת. אזוי אויך הייבט מען אן גראבן א פרישן דירה אויף האשקי, פאר נאך א חשובע משפחה וואס ציעט זיך ארויס אין שטעטל.

עס ווערט יעצט געפארטיגט איין הויז אויף מארקס ראוד און אזוי אויך ווערט יעצט געענדיגט א פרישע דירה אויף אלד ראוד מאנטיסעלו.

יעדע שטיק צייט ווערט אפגעקויפט נאך א דירה פון די ארומיגע שכנים, וואס פארקויפן זייערע דירות פאר אידישע איינוואוינער.

פרישע דירות ווערט געפלאנט צו בויען אויף די רעדקליף גאס ביים אריינגאנג פונעם שטעטל, וואס דאס וועט ברענגען נאך א שיינע צאל דירות צום טיש, אזוי אויך ארבעט מען גאר שווער צו קענען אהערשטעלן נאך און נאך דירות, עס איז נישט אלץ אזוי גרינג דאס צו ערמעגליכן, ווייל פאר די שכנים שמעקט נישט אזוי שטארק, אז עס ציען זיך אריין חסידישע אידן אין זייערע געגנט, אבער מען טוט אלעס וואס מען קען אז דאס זאל נישט זיין קיין אפהאלט, מען ארבעט מיט די שטאטישע באאמטע די בעסטע וועגן עס זאל צושטאנד קומען על צד היותר טוב פון ביידע זייטן.

זיי וויסן נישט אז מיר האבן א געווער וואס איז שטערקער פון זיי - וואס דאס איז תפלה, מיר וועלן ווייטער בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיין דירות וויפיל מען דארף, און דער אייבערשטער וועט אונז זיכער העלפן.

**דער ראש ישיבה שליט"א ביים באזוכן דעם שטח פון די 16 הייזער א האלב יאר צוריק**



## נחת אווענט

א הערליכער נחת אווענט איז פארגעקומען פארגאנגענעם דינסטאג נאכט פרשת וירא, פאר אלע חשובע מאמעס פון די קינדער וואס לערנען אינעם מוסד, און אויך פאר אלע פרויען וואס וועלן אנהייבן שיקן די קינדער גאר בקרוב אם ירצה השם.

די נחת אווענט איז פארגעקומען אינעם בנין פון די סקול, עס האט אויפגעטרעטן די חשובע מנהלת מרת לעזער תחי' וואס האט געגעבן גאר א שיינעם שיעור וואס די יסודות פונעם סקול איז, און אויך ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון דעם אז די קינדער זאלן נישט קומען שפעט אין סקול, וואס דאס שטערט זייער שטארק דעם סדר היום פונעם קלאס.

דערנאך האט מען געהערט א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א געגעבן געווארן ספעציעל פאר דעם נאכט, ארויסברענגענדיג די נקודה פון 'זיך נאכפרעגן ביי די טיטשערס אויב די קינדער זענען דרך ארץ'דיג, און אויב זיי האלטן מיט די לימודים', מיר האבן זייער גוטע טיטשערס, אבער זיי האבן איין פראבלעם, אז זיי זאגן נישט דעם אמת; ווען מען פרעגט זיי אויב די קינדער זענען וואויל, אלץ וועלן זיי זאגן אז די קינד איז זייער וואויל אין סקול, אבער דער אמת איז אז מען דארף יא וויסן דעם אמת פונעם קינד, און מיטארבעטן מיט די איינגעשטעלטע, וואס מען קען טוהן צו פארבעסערן די התנהגות פונעם קינד און אזוי ווייטער.

דערנאך זענען די עלטערן געגאנגען צו די קלאסן וואו די קינדער לערנען יעדן טאג, ווי מען האט געטראפן ליגן אויפן טיש פונעם קינד, א בריוו געשריבן ספעציעל פונעם קינד צו די עלטערן, די קינדער האבן געשריבן א דאנק פאר די עלטערן פארן שיקן אין אזא הייליגע סקול, וואס מען רעדט אזוי סאך פונעם אייבערשטן. נאכדעם איז מען איבערגעגאנגען מיט די טיטשער יעדן איינצלהייט פונעם קינד, אויב ז' כאפט אויף די עברי', און אויב דאס קינד איז דרך ארץ'דיג און שטערט נישט אין קלאס און אזוי ווייטער.

# היכל הקודש נייעס

ארץ ישראל

## קול רינה וישועה באהלי 'מפיצים'

פארגאנגענעם מאנטאג פרשת לך לך איז געגאנגען אונטער די חופה די טאכטער פונעם גרויסן מפיץ דער ראש וראשון לכל דבר בהפצה הר"ר שמעון עוזר פערל שליט"א, ווי פילע אידן פון איבער גאנץ ארץ ישראל זענען זיך געקומען משתתף זיין און זיך מיטפרייען מיטן בעל שמחה. עס האט זיך אנגעזען זייער אסאך אידן וועם דער מחותן האט נאך קיינמאל געזען, וואס זענען געקומען פשוט איבער געבן זייער הכרת הטוב פאר ר' שמעון עוזר נ"י וואס האט זיי מקרב געווען.

ר' שמעון עוזר מיט זיין בני בית זענען שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע קהילה היכל הקודש מיט זייער גאנצע הארץ און נשמה, ביי זיי אין שטוב האט זיך אנגעהויבן די קהילה, ווען אין אנהייב איז מען בלויז זיך צאמגעקומען צו שלש סעודות.

דערנאך האט ער געעפענט דעם דרוקעריי וואס שטייט בראש פון אלע בתי הדפוס היכל הקודש אין ארץ ישראל וואס געפונט זיך נאך ביז היינט ביי אים אין שטוב אין זיין דיינינג רום. ווי ער מיט זיין שטוב זענען מתרגם און דרוקן יעדע וואך די גליונות און עצתו אמונה, וואס ווערט דערנאך פארשפרייט אין די טויזנטער איבער די לענג און ברייט פון ארץ ישראל, און האט שוין מקרב געווען אומצאליגע אידן לאבינו שבשמים.

עס דארף ווערן אונטערגעשטראכן די מסירת נפש פונעם מחותן און זיין בני בית, ווען אין די גאנצע וואך פון די חתונה און די שבע ברכות האט מען ווייטער מתרגם געווען און געדרוקט די גליונות ווי געהעריג ביי זיי אין שטוב, און אזוי אויך איז די שבת שבע ברכות טאקע פארגעקומען ביי זיי אין שטוב אינעם דיינינג רום-בית הדפוס.

דעם זונטאג איז פארגעקומען א געהויבענע שבע ברכות אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים לכבוד דעם מחותן הר"ר שמעון עוזר נ"י.

אנשי שלומינו האבן געוואלט ארויסווייזן הכרת הטוב פארן מחותן, מען האט צוערשט געטראכט צו געבן א שיינע תעודה וכו', אבער מען האט דערנאך באשלאסן אז עס איז א שאד אידיש געלט, און אנשטאט האט מען פשוט געגעבן פארן מחותן א שיינעם סכום געלט לכבוד די חתונה, ארויסצואווייזן אביסל הכרת הטוב פאר זיינע פילע פעולות לטובת אנשי שלומינו.

מען האט זיך געוואשן צו א סעודה, און דערנאך זיך משמח געווען לכבוד שמחת חתן וכלה.

אזוי אויך איז פארגעקומען דינסטאג נאכט אין בית שמש די חתונה פון מו"ה יצחק ראטה הי"ו, דער מנהל בית הדפוס בית שמש, וואס האט אינטערגעפירט זיין טאכטער אונטער די חופה מיט א חתן אברהם כהן ני"ו וואס איז שוין א לענגערע צייט פון די גרויסע מפיצים אין בית שמש, און פלעגט אלץ נעמען גליונות פון בית הדפוס און צושפרייטן אין אלע שולן פון שטאט.

דער חתונה איז פארגעקומען אין אולם פאראהאנד, אויף רחוב רשב"י, אין בית שמש, ווי אנשי שלומינו זענען זיך געקומען מיטפרייען בשמחת המפיצים.

אין אנדערע נייעס הערט מען פון ארץ ישראל אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן גאר א שיינעם שיעור אפאר וואכן צוריק ביים סיום מסכת ביצה, וואס ווערט געלערנט יעדן טאג א דף גמרא דורך אנשי שלומינו שבכל אתר ואתר.

גאר א שיינע און יסודות'דיגע שיעור האט מען געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויס געברענגט די חשיבות פון דעם דף גמרא, אלע אנשי שלומינו האבן שיעורים אין כל התורה כולה, אנגעהויבן פון לערנען חומש יעדן טאג, א שיעור אין משניות, א שיעור אין ש"ס כסדרן און אזוי ווייטער, אבער די שיעור פונעם דף גמרא דאס איז זייער א שטארקע זאך, שטערקער פון אלע שיעורים.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן פון די אינגעלייט זיי זאלן זיך קובע זיין צו לערנען דעם דף גמרא אינדערהיים, אזוי אז די ווייב און קינדער זאלן זעהן אז די טאטע לערנט, און דאס טוישט אינגאנצן די בליק וואס די ווייב האט אויפן מאן, עס טוישט די גאנצע שלום בית צו גוטן.

**צו איבערגעבן נייעס פאר די מערכת, ביטע רופן 347-379-116**

### הר"ר שמעון עוזר פערל שליט"א ביים פארלערנען אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים





# מעשיות פון תפילה

## אשר בער אינדארסקי:

איין טאג האב איך אנגעהויבן פילן גאר שטארקע ציין ווייטאג, בין איך געגאנגען צום דענטיסט, און דער דענטיסט האט מיר געזאגט אז איך וועל דארפן מאכן א רו"ט קאנא"ל.

עס קאסט אבער אסאך געלט צו מאכן, און אינטער געוועינטליכע אומשטענדן באצאלט עס נישט די אינשורענס, אבער דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס, אז מען קען יעדע זאך וואס מען דארף בעטן פונעם אייבערשטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "איך דארף מאכן א רו"ט קאנא"ל אבער איך האב נישט די געלט פאר דעם, העלף מיר אז די אינשורענס זאל עס יא באצאלן".

איין טאג באקום איך א טעלעפאון רוף פון מיין אינשורענס קאמפעני מיט די גוטע נייעס, אז זיי גייען יא באצאלן וויפיל עס קאסט צו פאררעכטן מיינע ציינער, שכח אייבערשטער!

## אברהם הערש וועבערמאן:

פאר בערך פינף יאר צוריק האב איך זיך געצויגן קיין בלומינג-גראוו, נאך אסאך תפילה האב איך ברוך השם דארט געקויפט א אייגן הויז.

ווען די שטעטל האט זיך געעפנט האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט איך זאל קומען וואוינען אין שטעטל, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט איך זאל נישט פארקויפן מיין הויז אין בלומינגראוו - נאר עס פארדינגען. איך האב נאר געטראפן א גוי וואס האט עס געוואלט דינגען פאר די פרייז וואס ס'האט מיר געלוינט, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז איך זאל עס פארדינגען פאר דעם גוי.

ס'געקומען די צייט ווען דער גוי האט שוין געדארפט ארויסגיין האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל גאר שנעל און גרינג טרעפן א אידישער טענענ"ט וואס זאל זיין גרייט צו צאלן דעם פולן פרייז.

שכח אייבערשטער אז דער ערשטער מענטש צו וועם איך האב גערעדט וועגן די דירה איז געווען א איד און האט אויך מסכים געווען פאר דער פרייז וואס איך האב געוואלט.

## נחמן נתן בוים:

איך ארבעט ברוך השם אין די הדפסה אין שטעטל. פאריגע וואך ווען מען האט געדריקט דעם 'קרית ברסלב בלעטל' האט איינע פון די ספעציעלע מאשינען געהאלטן און איין זיך אפשטעלן, און זייער אסאך גליונות זענען ארויסגעקומען נישט גוט און מען האט עס נישט געקענט ניצן. די וואך ווען עס איז געקומען צו דריקן דעם 'בלעטל' האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז אפילו איין בלעטל זאל נישט פארפאלן גיין, און ארויסקומען נישט ווי עס דארף צו זיין.

שכח אייבערשטער אז "קיין איין בלעטל האט מען נישט געדארפט ארויסווארפן נאר אלע גליונות זענען ארויס געקומען הונדערט פראצענט גוט! די חידוש פון די מעשה איז אז ס'איז א נארמאלע זאך אז איין, צוויי בלעטלעך פון אזוי סאך וואס מען דריקט זאל ארויסקומען נישט גוט, אבער ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זענען אלע ארויסגעקומען שיין, שכח אייבערשטער.

## משה עקשטיין:

איך האב געדארפט מאכן פאר מיין בעיבי אן אמעריקאנע פאספארט, איך האב געהאט אן אפוינטמענט ביי די שטאטישע באאמטע. אינעם געגנט פון די אפיס איז זייער שווער צו טרעפן פארקינג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל גרינג טרעפן א נאנטע פארקינג, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב שנעל געטראפן א גוטע פארקינג.

למעשה בין איך אנגעקומען בערך פופצן מינוט שפעט און ווי באקאנט אויב קומט מען אן אפילו געציילטע מינוט שפעט אין די שטאטישע אפיסעס לאזן זיי שוין נישט אריין, און מען פארפאסט די אפוינטמענט. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן מיך נאך אריינלאזן אפילו איך בין אנגעקומען שפעט, שכח אייבערשטער אז זיי האבן מיך גלייך אריינגעלאזט אן זאגן א ווארט.

## שלמה יאקאבאוויטש:

ברוך השם אז מען האט געטראפן א גוי וואס קומט רייניגן דעם שול יעדע וואך נאך שבת.

פאראגאנגענעם וואך האט ער מיר אנגערופן זאגן אז ער וויל מער נישט קומען, וואס טוט מען דא, מען קען דאך נישט האבן א שמוציגע בית המדרש, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל יא וועלן צוריק קומען רייניגן דעם בית המדרש, אדער זאל איך טרעפן א צווייטן גוי, שכח אייבערשטער אז דער גוי האט מיר שפעטער אנגערופן זאגן אז אז ער גייט יא קומען רייניגן. שכח אייבערשטער!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' לִיפָּא, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעפָאְרן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט אִים שׁוֹין דִי הוֹיט גֶעבְּרֶענְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען פַאְרן צוּם יְרִיד פַּארְדִינֶען גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים) "**חִיַּכְתְּ בְּהוֹן בְּעוֹתְרָא בְּהַאי עַלְמָא, וּלְבָתַר קְטִילַת בְּהוֹן**", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרֻמָּז זַיין פַאר ר' לִיפָּא אַז **נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט** וְכוּ', ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ אָבֶער פוּן דֶעם בַּאלֵיידִיגְט אוּן עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען. יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "**לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, עִמָּנוּ הֱיִיתֶם?** הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוּן אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי'ן גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְ"ג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: 'אִיךְ וֵייס וֶוער אִיךְ בִּין אוּן אִיךְ וֵייס גוּט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן פַאר מִיר, וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אוּן וָואס אִיךְ בַּאקוּם נָאךְ יֶעצְט פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אִיז אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי זָאל מִיר שְׁלָאגְן מִיט אַ דְרָאנְ"ג (אַ גְרוֹיסֶע הָאלְץ) וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אַזַא פְּלַאץ'.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט אוּן פוּן בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", נָאר וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, אוּן צוּ קֶער נֶעמֶען פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ". אָבֶער דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַאר זִיךְ, אוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר אוּן יֶעדֶע בְּרִיוו הָאבְּן זֵיי נָאר גֶעזוּכְט וִוי עֶס אִיז שַׁייךְ פַאר זֵיי, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אַ צָרָה'לַייט וָואס הָאט נָאר גֶעוָואלְט קֶער נֶעמֶען פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר אִיז מִתְפַּלֵל עֶר זָאל זַיין "מָשִׁיחַ'ס אֵייזְל", הָאבְּן אַנַ"שׁ גֶעזָאגְט אַז "תְּפִלָּה עוֹשָׂה מֶחֱצָה" אַן אֵייזְל אִיז עֶר גֶעוָוארְן; וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעמְ'ס רוּחָנִיּוּת אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַן אֵייזְל.

אִיךְ בֶּעט דִיר, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע קְהִילָה, **זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן טוּן חֶסֶד. מִיר הָאבְּן אִינְגֶעלַייט בַּיי אוּנְז וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אוֹיף דֶעם וָואלְטְן אִינְגֶעלַייט זִיךְ גֶעדַארְפְט צַאמְנֶעמֶען אוּן מַאכְן אַסִיפוֹת וָואס מֶען קֶען טוּן**, נִישְׁט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הֶעלְפְן יֶענֶעמְ'ס רוּחָנִיּוּת.

**אַ גוּטְן טָאג.**



# חידות

## אפטיילונג

**דער הייליגער זוהר זאגט: געלט לאכט צום מענטש אין די יונגע יארן, און שפעטער:**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. פארלירט מען עס

ב. מאכט עס טרויעריג דעם מענטש

ג. הרג'עט עס דעם מענטש

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **דער הייליגער רבי זאגט: מען קען נישט זיין אן ערליכער איד, נאר דורך:**

ענטפער: **רעדן צום אייבערשטן**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז

**ארי' לייב פליישמאן נ"י - קרית יואל**

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

# ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

## משה אייגהארן הי"ו וזוגתו בלומא תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַזוֹי וִוי אִיר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶס אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס צִיעֶן אַרוֹיף דִי פְּרַייזְן פַאר גוֹי'טֶעס, דִי גוֹי'טֶעס לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס טְרָאגְן זִיךְ אָן צוּ צָאלְן מֶער, נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט נָאכְקוּמֶען דִי פְּרַייזְן; וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אוּן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן אָפְּמַאכְן אַז קֵיינֶער צָאלְט נִישְׁט מִיט אֵיין פְּרוּטָה מֶער ווִיפִיל מֶען מַאכְט אָפּ, אוּן אַז מֶען וֶועט זַיין שְׁטַארְק, מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם - וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּקוּמֶען מִיט דִי פְּרַייז.

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיפְצוּהֵייבְן דִי פְּרַייז.**

אִיךְ הָאף אִיר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי אֲסִיפַת הוֹרִים, פוּן דִי שִׁיעוּר; אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַחַל שָׁם גוֹרָלֵנוּ.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

היכל הקודש

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל י"ח אֲדָר א' ה'תשע"א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

*זֶע זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים,* וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת לְדוֹרוֹת עוֹלָם, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע זִינְד, וָוארוּם וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַנְדֶערֶע אִידְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲווֹנוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דְרִיק אַ סֵפֶר נָאךְ אַ סֵפֶר, *וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף:* מֶענֶער, פְּרוֹיעֶן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְקְוִויקְן זִיךְ דָאס הַארְץ מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חַיוּת, אוּן אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דֶער אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אִים שִׁיקְן אוֹיף בְּלִיץ פָּאסְט (אִי מֶעיְל) אַ סֶעמְפְּל פוּן דִי דֶעקְלֶעךְ פוּן דִי נַייעֶ סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעדְרִיקְט "אוֹצָר הַקוּנְטְרֵסִים" אוּן "שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש" אוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל" וְכוּ' וְכוּ'.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד

## א מעשה פון הפצה

קרעדיט: יואל טייטלבוים

א אינגערמאן איז געגאנגען הפצה אין א גראסערי אין מאנסי, טרעפט ער דארט צוויי אינגעלייט שטייען ביים טיר, ער גייט צו און ער גיבט זיי א ספר עצתו אמונה, איינער פון די צוויי אינגעלייט האבן געציטערט צו נעמען דעם ספר ווייל ער האט זיך געשעמט פונעם חבר וואס איז געשטאנען נעבן אים, האט ער אזוי געקוקט אינעם ערשטן בלאט פונעם ספר און דער אינגערמאן פרעגט דעם מפיץ "דאס איז א ברסלב'ע קונטרס" זאגט ער יא, אה אויב אזוי דארף איך עס נישט זאגט דער אינגערמאן.

בשעת דער אינגערמאן האט געקוקט אינעם ערשטן בלאט פונעם ספר האט ער געזעהן דארט די נומער פונעם האטליין 'קול ברסלב', ער האט דאס גוט איינגע'חזר'ט ביי זיך אין קאפ, שפעטער ווען ער איז שוין נישט געשטאנען נאנט צו דעם חבר, האט ער שנעל אריינגעלייגט די נומער אינעם טעלעפאון, און ער האט שנעל גערופן דעם האטליין, און עס האט זיך אים געעפענט א נייע וועלט, עס האט זיך אים געטוישט דאס לעבן מן הקצה אל הקצה, ער האט אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג, אנגעהויבן לערנען שיעורים כסדרן יעדן טאג, זיין שטוב האט זיך אינגאנצן געטוישט און אזוי ווייטער.

דער מפיץ האט געקענט טראכטן צו זיך, אזא בזיון האב איך געהאט דארט, דער אינגערמאן קוקט אינעם ספר און צום סוף וויל ער עס אפילו נישט נעמען פון מיר, אבער מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס עס קומט ארויס פון דעם ביים סוף. טייערע מפיצים גייט'ס אן מיט ענקער הייליגע ארבעט, די וועלט שטייט אויף ענק, חזקו ואמצו.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161



צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאל, טעקסט, וועטסאפפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

## נייעס פון קרן הדפסה

# ברסלב סענטער געשעפט שטעלט פאר "דעליוועריי בחנם" פאר ארדערס העכער 35 דאלער

אין די יעצטיגע טעג ווען די פרייזן פון דעליווערים אין די אלגעמיינע וועלט זענען זייער הויך, איז אונז א גרויס פרייד צו מעלדן אז שאפ.ברסלב-סענטער.קאם שטעלט צו "פרי דעליווערי" איבער גאנץ אמעריקע פאר ארדערס פון פינף און דרייסיג דאלער און העכער.

דער וועבסייט האט זיך שטארק באקאנט געמאכט אין די אידישע מארקעט בכלל און ביי אנשי שלומינו חסידי ברסלב בפרט מיט די העכסט פראפעסיאנאלע געשמאקע אויסשטעל, שנעלע דעליווערי, און בפרט מיט די גאר עפארדעבל פרייזן. די פרייזן פון די קונטרסים לויפן אין די געגענט צווישן "איינס-און-א-האלב" און "צוויי" דאלער פאר רוב רובם פון די קונטרסים. דאס איז מיטן ציל אז יעדער איד איבער גאנץ אמעריקא זאלן קען באקומען 17-23 קונטרסים פאר די נישטיגע סכום פון פינף און דרייסיג דאלער - שוין ארייגערעכעט דעליווערי.

די שטאב פון קרן הדפסה ארבעט שווער צוצושטעלן אלע הדפסה והפצה געברויכן פאר אנשי שלומינו, מען דרוקט און מען שטעלט ארויף אויפן וועבסייט פילע נייע קונטרסים טאג טעגליך.

צווישן די גאר פאפולערע אידישע און ענגלישע קונטרסים וואס זענען יעצט געדרוקט געווארן ציילן זיך אויפבויען קינדער - You Are Not A Failure - דערהאלט זיך ברודער - A Peaceful Home - וואו לויפסטו - Perenting With Pride - דער באשעפער איז מיט דיר - קדושת שובבי"ם - שומר הברית עם תיקון הכללי - דער באשעפער דארף דיך יא - Self Confidence - געב נישט אויף - א רואיג לעבן - גלייב אין דיר - א רבי וואס קען מיך העלפן - The Secret of Success - אוצר הקדושה - Don't Worry. און נאך אסאך.

די גוטע גריסן וואס מען הערט צוריק, ווי אידישע שטובער ווערן אויפגעראכטן, בחורים און מיידלעך טרעפן צוריק דעם וועג צום אייבערשטן, אידישע קינדער הייבן אן צו באקומען א קשר מיטן אייבערשטן, מען רעדט צו אים און מען לערנט זיין הייליגע תורה, דאס גיט די כחות ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים, וואס ווערט צוכאפט אין די גאנצע אידישע וועלט.

**על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו**

## בילדער פון קרן הדפסה



סיין פון "מיין זכות אינעם בית הדפוס" הענגט אין שטעטל שול


מען דרוקט דעם לוח תשפ"ב


מען אינסטאלירט א נייע הייצונגס סיסטעם אינעם בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **שלום ניימאן**<br>מאנסי | **אפרים נובוגרודסקי**<br>לאנדאן | **לוי יצחק זאפיר**<br>בארא פארק |
| **ראובן בירנבוים**<br>קרית ברסלב | **בנציון יאקאבאוויטש**<br>קרית יואל | **מרדכי אהרן היילפרין**<br>קרית ברסלב |
| **הרוצה בעילום שמו**<br>דשערזי סיטי | **יצחק משה רייך**<br>בארא פארק | **דוד זוננוב**<br>פלעטבוש |
| **הערשל ניימאן**<br>קרית טאהש | **שלום שענקער**<br>בארא פארק | **מרדכי לייב טירנויער**<br>קרית יואל |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**

# א מעשה
## פון א צדיק



## מעשה פון הייליגן ישמח משה זי"ע

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל אַרְיֵה דְבֵּי עִילָאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶער קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי אַ גְבִיר, אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְבִיר'ס טָאכְטֶער, אוּן זִי הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען צוּ בִּיזְנֶעס, אֵיינְמָאל אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אַ גוֹי'טֶע אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן סְחוֹרָה, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ בַּאצָאלְן, הָאט זִי נָאר גֶעהַאט גְרוֹיס גֶעלְט, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן רֶעשְׁט [טְשֶׁענְדְזְשׁ], הָאט זִי גֶעבֶּעטְן אִיר מַאן: זַיי מוֹחֵל, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיפְן גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער צוּם שָׁכֵן'ס גֶעשֶׁעפְט דָאס אוֹיפְצוּטוֹישְׁן, אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט דָארְט, פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְט עֶר רַחְמָנָא לִצְלָן, אַז אַן עֲרֵלִית אִיז אִין שְׁטוּבּ, אִיז עֶר גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעטַאנְצְן פוּן פֶּענְסְטֶער, [וַוייל 'אִיסוּר יִחוּד' אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אֲפִילוּ אַז דָאס אִיז אַ 'אִיסוּר דְאוֹרַיְיתָא'], וֶוען זַיין וַוייבּ אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, זֶעהְט זִי אַז דִי גוֹי'טֶע דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוּן בַּאטְרַאכְט דִי סְחוֹרָה, פְרֶעגְט זִי: וואוּ אִיז מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן?! וַוייזְט אִיר דִי עֲרֵלִית אַז עֶר אִיז אִינְדְרוֹיסְן, הָאט זִי זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: הָאסְט מִיר דָאךְ מַפְקִיר גֶעוֶוען דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן! זִי וָואלְט גֶעקֶענְט צוּזַאם נֶעמֶען אַלֶע סְחוֹרוֹת וְכוּ' אוּן נֶעלָם וֶוערְן! אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי ווִיל זִיךְ גֶט'ן, זִי דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט זִיךְ פוּן אִים גֶע'גֶט רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט גָאר אַ גֶערָאטֶענֶע טָאכְטֶער, אַ בַּת יְחִידָה, הָאט עֶר אִים גֶעוָואלְט נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם, אָבֶער דִי רֶעבֶּעצִין הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, זִי הָאט גֶע'טַעְנֶה'ט: מַיין בַּת יְחִידָה זָאל נֶעמֶען אַ גָרוּשׁ?! אָבֶער דִי טָאכְטֶער הָאט גֶעזָאגְט: מַאמֶע! דָאס אִיז מַיין זִיווּג. אוּן וִויבַּאלְד דִי טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אַיין גֶע'עַקְשְׁנֶ'ט אִיז גֶעוָוארְן דִי שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶעמָאלְטְס אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

אָבֶער וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט מֶען אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט: דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ גָרוּשׁ! פְלֶעגְט זִי זָאגְן אוּן פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה: דֶער סֵדֶר פוּנֶעם יַם אִיז אַז עֶס גֵייט אַלְץ צוּם בְּרֶעג, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט דָאס צוּרִיק, אִין יַם אִיז דָא דֵיימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער, וָואס עֶס קוּמְט פוּן אוּנְטְן אַרוֹיף, אוּן דֶער יַם וַוארְפְט דָאס אַרוֹיס.

וַיְהִי הַיּוֹם, אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ גוֹי, זֶעהְט עֶר דָארְט לִיגְן בָּאנְדְלֶעךְ, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ דֶער מְצִיאָה: דֶער יַם הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן בָּאנְדְלֶעךְ. עֶר קְלוֹיבְּט דָאס צוּזַאם, עֶר גֵייט אַהֵיים, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט צוּ קָאכְן דִי בָּאנְדְלֶעךְ, אָבֶער עֶס קָאכְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, עֶר פְּרוּבִּירְט דָאס צוּ קֵייעֶן, אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט, גֵייט עֶר אַרַיין צוּם שָׁכֵן אַ אִיד, אוּן בַּאקְלָאגְט זִיךְ: דֶער יַם הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן בָּאנְדְלֶעךְ, אָבֶער עֶס קָאכְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ. זָאגְט אִים דֶער אִיד: וָואס דַארְפְסְטוּ דָאס הָאבְּן, גֶעבּ דָאס פַאר מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַנְשְׁטָאטְס דֶעם בֶּעסֶערֶע בָּאנְדְלֶעךְ, וָואס דָאס וֶועסְטוּ קֶענֶען אָפְּקָאכְן אוּן קֶענֶען עֶסְן, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן פַארְקוֹיפְט דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. פְלֶעגְט זִי אוֹיסְפִירְן אוּן זִיךְ בַּארִימֶען: וָואס אַן אַנְדֶערֶער הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט. וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער אַרְיֵה דְבֵּי עִילָאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער, אוּן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, אוּן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאךְ יֶעצְט לֵיידֶער זֵייעֶרֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן נִסְיוֹנוֹת, וֶועגְן דֶעם אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ גִיסְן זַאלְץ אוֹיף יֶענֶעמְס וואוּנְדְן, אוּן יֶענֶעם אַרָאפּ וַוארְפְן, פַארְקֶערְט דִי חָכְמָה אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ מֶענְטְשׁ.

(גענומען פון קונטרס "קלאפ מיר נישט אראפ")

טייערע ליינער! וועלכע מוסר השכל האסטו ארויס גענומען פון די מעשה?

שיקט אריין צו די מערכת אויף 845-379-1161

אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

### מוסר השכל פון פאריגע וואך

**משפחת טייטלבוים - קרית ברסלב: א) משה יוסף: די גרויסקייט פון לערנען גמרא ב) חיים: קיינמאל נישט פארלירן די אמונה ג) פראדל: געבן צו עסן פאר מענטשן.**

**משפחת פורסט - קרית ברסלב: א) לערנען ש"ס ב) זיך דערהאלטן אין די שווערסטע צייטן.**



# דעם רבי'נ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 7

**פארזעצונג פון פריער:**

אִין יֶענֶע טֶעג, נָאךְ פֶּסַח, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְשְׁפַּארְט אוּן פַארְמַאכְט, אוּן מְ'הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת אוּן הִתְלַהֲבוּת וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי אִים בִּיז דֶעמָאלְטְס.

...

עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר דִי נְסִיעָה, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט ר׳ יִצְחָק, דֶער בְּרוּדֶער פוּן ר׳ חַייקְל, אַז עֶר זָאל פָארְן מִיט אִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

[פַארְדֶעם הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער אַ צְוֵייטְן מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט בַּאגְלֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז יֶענֶער נִישְׁט גֶעפָארְן וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְט אַז סְ'אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ שַׁאפְן שֵׁיינֶע עֶפְּל פַאר דִי וֶועג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר טְרַאכְט פוּן שֵׁיינֶע עֶפְּל קֶען עֶר נִישְׁט פָארְן מִיט אִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, "אַז דוּ הָאסְט אִינְזִין שֵׁיינֶע עֶפְּל, קֶענְסְטוּ מִיט מִיר נִישְׁט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אִינְזִין גֶעהַאט נָאר רוּחְנִיּוּת, אוּן אַז יֶענֶער טְרַאכְט פוּן גַשְׁמִיּוּת, הָאט עֶר נִישְׁט וָואס מִיטְצוּפָארְן. דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען פַארְבִּינְדֶען מִיט גָאר גְרוֹיסֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן אוֹיבּ יֶענֶער פְּרוּבִּירְט זִיךְ בַּאקְוֶועם צוּ מַאכְן אוֹיפְ'ן וֶועג, וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בְּמֶשֶׁךְ דִי גָאר שְׁוֶוערֶע רֵייזֶע, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן ר׳ יִצְחָק, דֶער בְּרוּדֶער פוּן ר׳ חַייקְל, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה׳ מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִינְגַאנְצְן נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן.]

י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעוֹמֶר, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן רֶבִּינְ'ס הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם דָארְף סַאקִילֶע.

ר׳ יִצְחָק הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן בַּיי דִי נְסִיעָה, שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים אַרוֹיסְפָארְן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיפְ'ן וָואגְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אוּן דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקֵייט וָואס עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אָנְצוּקוּמֶען פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע קַיין סַאקִילֶע אִין אֵיין טָאג, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אוּם עֶרֶב שַׁבָּת, אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וַוייל דָאס אִיז אַ וַוייטְקֵייט פוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אַכְט אוּן אַכְצִיג קִילָאמֶעטֶער. אִין דֶעם דָארְף סַאקִילֶע הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָאס פְּלַאץ וֶועט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער יִשּׁוּב אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן. אוּן אַזוֹי הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט אַסַאךְ יָארְן שְׁפֶּעטֶער, שׁוֹין נָאכְ'ן רֶבִּינְ'ס פְּטִירָה, אִיז פוּן דֶעם דָארְף גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאט מִיטְ'ן נָאמֶען וַואזְשְׁנִישֶׁענְסְק.

דָארְט אִין סַאקִילֶע אִיז נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זי״ע, וָואס אִיז שׁוֹין נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אוּמְגֶעפֶער צֶען יָאר פְרִיעֶר אִין יָאר תקמ״ח, אוּן עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער שֵׁם "אַתָּ֥ה" אִיז מְסוּגָל אוֹיפְ'ן יַם צוּ בַּארוּאִיגְן דִי וִוילְדֶע כְוַואלְיֶעס, אוּן דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים פ״ט, י׳) "בְּשׂוֹא גַלָּיו 'אַתָּ֥ה' תְשַׁבְּחֵם".

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן (חֵלֶק א׳, סִימָן רנ״ו) אַז מְ'דַארְף נֶעמֶען פִינְף צֶעטְלֶעךְ, אוּן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף יֶעדֶע אֵיינֶע דִי וֶוערְטֶער "וְרַב חֶסֶד", וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, אוּן פִינְף מָאל הוּנְדֶערְט אַכְצִיג קוּמְט אוֹיס טוֹיזְנְט אוּן פִיר הוּנְדֶערְט, וָואס דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "א" אוּן "ת", אוּן דִי פִינְף צֶעטְלֶעךְ אִיז דֶער אוֹת "ה", אוּן אַזוֹי אִיז דָאס צוּזַאמֶען דָאס וָוארְט "אַתָּ֥ה", אוּן וֶוען סְ'וֶוערְט אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְ'ן יַם, זָאל מֶען אַרַייְנְוַוארְפְן דִי צֶעטְלֶעךְ אִין יַם, אוּן דָאס וֶועט בַּארוּאִיגְן דֶעם שְׁטוּרֶעם.

פוּנֶעם דָארְף סַאקִילֶע אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט נִיקוֹלַייבּ, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ שִׁיף אָנְגֶעלָאדְנְט מִיט וֵוייץ, גְרֵייט צוּ פָארְן צוּם שְׁטָאט חֶרְסוֹן. דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שִׁיף צוּ פָארְן קַיין חַרְסוֹן, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר שָׁבוּעוֹת. דָארְט אִין חַרְסוֹן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרוֹת, אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק״ז, כ״ט) "יָקֵם סְעָרָה לִדְמָמָה", אוּן נָאךְ פִילֶע תּוֹרוֹת.

דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם רָב פוּן לִיאַדִי, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן תּוֹרוֹת פוּן אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אָפְּגֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעוִויזְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי״ה

# על הטוב יזכרו

אלה יעמדו על הברכה האנשים גבורי החיל שהושיטו לנו יד עזרה

לנדב סכום הגון

## לחודש חשון
## תשפ"ב

### לבית המדרש קרית ברסלב
ליבערטי נ.י.

מו"ה לייבי אפפעל הי"ו

מו"ה שמעון קורדוזו הי"ו

מו"ה יוסף פריעדמאן הי"ו

מו"ה העניך אינדיג הי"ו

מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו

מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה יעקב לעזער הי"ו

מו"ה אברהם דוד לאקס הי"ו

מו"ה זלמן לייב זילבער הי"ו

מו"ה מעכל ראזענפעלד הי"ו

מו"ה לייבי ראטה הי"ו

מו"ה סענדי ראטה הי"ו

מו"ה שלמה רוטה הי"ו

מו"ה יחזקאל שארף הי"ו

מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו

מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו

מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה יוסף יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה שמשון הערש טייטעלבוים הי"ו

מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו

מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

ישלם ה׳ פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה׳, זכות התורה ותפלה מבית המדרש הזה יעמוד להם
שיתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנו יצליחו,
ויזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, וימלא ה׳ כל משאלותם לטובה, אמן.



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## ~ שבת פרשת בראשית תשפ"ב ~

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעגאסן דעם בעכער מיט ווייַן צו מאכן קידוש פרייטאג צונאכטס, האט זיך איינע פון די קינדער אנגערופן אז 'ער האט נישט ליב קיין וויין', האט אים דער ראש ישיבה געזאגט, 'מען דארף נישט ליב האבן קיין וויין, מען דארף ליב האבן דעם אייבערשטן!'

נאכן מאכן קידוש, האט מען געטיילט פאר יעדעם גרעיפ דשוס. איינע פון די קינדער האבן געשפילט מיט די גלעזלעך, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל זיך נישט שפילן מיט דעם. און דערנאך צוגעלייגט א דרך ארץ אז מען לייגט נישט אריין קיין פינגער אין יענעמ'ס גלעזל.

ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה פארציילט: "היינט אין שול האב איך אויסגעלערנט פאר יוסף נ"י א וויכטיגע זאך, אז ווען ער הוסט, זאל ער לייגן זיין הענט אויף זיין מויל." "אויך פאר הערשי נ"י האב איך אויסגעלערנט עפעס. ס'איז געקומען אין שול א אינגל מיט א לאלי און קאל-עיד, און ער האט געגעבן פאר אלע קינדער, און איך האב געזאגט פאר הערשי אז ער זאל נישט לעקן פון דעם, ווייל ס'איז דשערמ"ס און מען קען באקומען פימפל"ס פון דעם".

שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט אז 'בראשית' איז ראשי תיבות 'ב'סוף 'י'תקבל 'ת'ורת 'ר'בינו 'א'ליעזר 'ש'למה, און אויך "'י'ואל 'ב'ן ריצא רעכל 'ת'למיד 'ר'בינו 'א'ליעזר 'ש'למה".

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה אנגעגאסן א גלעזל גרעיפ דשוס און סעלצער און ארויפגעשיקט פאר זיין ווייב - אזוי ווי יעדע וואך. אינמיטן די סעודה האט מען געשמועסט ווען דער דיין שליט"א וועט זיך אריבערציען אין שטעטל. האט זיך איינער אנגערופן אז דער דיין וועט נישט האבן קיין חברים (קאמפעני) אין שטעטל... האט דער ראש ישיבה געזאגט, חברים? וואס הייסט חברים? ער האט זיין ווייב און זיין משפחה וואס דארף מען מער?

דערנאך האט מען געזינגען זמירות, און מען האט אריינגעברענגט די זופ. אינמיטן עסן די זופ האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער "קום זינגען פאר מאמי "ביזט די בעסטע מאמע פון די גאנצע וועלט". און אלע קינדער האבן אנגעפאנגען צו זינגען, "ביזט די בעסטע מאמע פון די גאנצע וועלט!" אזוי האט מען געזינגען אפאר מאל. נאכן עסן די זופ האט זיך דער ראש ישיבה האט אנגערופן, אזא גוטע זופ! ס'איז בעסער ווי יעדע וואך!

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: די וואך איז מען געגאנגען אין שול נאך פארן זמן, און די קינדער האבן נאכנישט געגעבן א קוש פאר די מאמע'ס האנט. גייטס יעצט צו די מאמע און געט א קיש איר האנט. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דער הייליגער אריז"ל פלעגט גיין יעדע וואך פרייטאג צונאכטס צו זיין מאמע און איר געגעבן א קוש אין האנט אפילו ער האט געוואוינט זייער ווייט. נאכדעם האט דער ראש ישיבה ארויסגענומען די מעשיות פון תפילה צעטלעך וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר און פון סקול, און ער האט געזאגט, "יעצט גייט מען פארליינען די מעשיות פון תפילה!" אלע קינדער זענען שנעל געקומען און געוואלט הערן די שיינע מעשיות פון תפילה. און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן צו דערציילן.

אינמיטן איז מען אנגעקומען צו א מעשה פון א מיידל וואס האט געבעטן דעם אייבערשטן אז זי וויל האבן א דאלי, און דער אייבערשטער האט געהאלפן און זי האט באקומען. האט דער ראש ישיבה געזאגט "ביי אונז האט מען נישט קיין דאליס, דאליס איז אן עבודה זרה. אויב וויל מען יא האבן א דאלי, שניידט מען אפ די נאז".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט די שאלות אויף די פרשה פון די קינדער, און אויך געענטפערט די תשובות. דער ראש ישיבה האט עס געזינגען אין א ניגון, וועלכע פרשה גייט די וואך? פרשת בראשית. און אזוי ווייטער אלע שאלות. דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט וואס מוהרא"ש האט געזאגט מיט יארן צוריק, די צווייטע יאר פון ווען די ישיבה האט זיך געעפענט, אז "ס'וועט קומען א צייט וואס אלע מיידלעך וועלן נאר וועלן בחורים פון ישיבה", ווי מען זעט שוין היינט עס איז טאקע אזוי, אלע ווילן נאר תלמידי היכל הקודש, מען ווייסט אז זיי האבן באקומען אלע זייערע בחור'ישע יארן אין ישיבה די ריכטיגע הקדמות פאר די לעבן.

נאכדעם זענען די קינדער געקומען זאגן אז זיי ווילן מאכן א פלעי. עס איז געווען זייער אינטערסאנט צו זען ווי זיי האבן זיך אלע פארשטעלט מיט שמאטעס אויפן קאפ, איינער מיט א אינטערעסאנטע הוט, און איינער מיט א טורבאן... און זיי האבן געמאכט א פלעי. זיי האבן זיך אויפגעפירט אינטערסאנט, און זיי האבן געלאכט. דער ראש ישיבה האט מיטגעשפילט מיט זיי און זיי געזאגט, שלום עליכם! פון וואו קומען ענק? וואס טוט מען דארט? און די ראש ישיבה האט געשמועסט און ארומגעלאכט מיט זיי. יעדער וואס איז געזיצן דארט האט געלאכט, איך האב מיך צוגעקוקט ווי די ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו זיינע קינדער און פארברענגט מיט זיי, און מאכט פרייליך אין שטוב. דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן אז אמאל פלעגן די פלעיס (שפילן) זיין פון מעשיות פון צדיקים, און ער האט געבעטן איינער פון די עלטערע קינדער זאלן אויסלערנען פאר די יונגערע קינדער ווי אזוי מען מאכט א שפיל פון א מעשה פון א צדיק...

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גענומען איינע פון די פרשה ביכלעך וואס מען ברענגט אהיים פון חדר, און פארציילט די מעשה פון די פרשה מיט די בילדער, און געוויזן פאר אלע קינדער. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אדם הראשון האט געגעבן נעמען פאר אלע חיות,און דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף די בילדער 'קוקטס, דא איז די לייב. די לייב איז די קעניג פון אלע חיות. און דא איז די דשיראף. א דשיראף איז כשר'ע חי', אבער מען ווייסט נישט ווי אזוי עס צו שחט'ן פאר דעם עסט מען עס נישט. און ווער קען אויפזוכן די בער?' אלע קינדער האבן פרובירט צו טרעפן די בער. און אזוי האט דער ראש ישיבה ווייטער דערציילט די פרשה פאר די קינדער.

נאכדעם האט מען סערווירט די פלייש, און מען האט געזינגען זמירות. אינמיטן האט מען געהערט איינער קלאפט אויפן טיר. איינער פון די קינדער זענען געגאנגען עפענען און געזאגט אז די חתן איז דא. החתן ... איז געקומען צו די באטע. האבן די קינדער געזאגט, יעי! עס איז שבת קאפעליטש, מען גייט קענען האקן אויף זיין הוט! האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: 'קיינער זאל נישט האקן אויף זיין הוט, נאר מען זאל אים געבן מזל טוב.' דער ראש ישיבה האט געטאנצן מיט אים, סימן טוב ומזל טוב... און אים אנגעטון זיין שטריימל און עס איז געווען זייער פרייליך.

דערנאך האט מען געבענטשט ברכת המזון, עס איז געווען זייער שיין צו הערן ווי דער ראש ישיבה זינגט די בענטשן מיט די קינדער זייער שיין מיט א ניגון.

# בילדער
## אפטיילונג






דער ראש ישיבה שליט"א ביים קלאפן א מזוזה אינעם שטוב פון האברך אהרן פיש הי"ו



תלמוד תורה קרית ברסלב כיתה ד' ביים גיין אויף אן אויספלוג - זונטאג חיי שרה





שבע ברכות פון החתן משה אייניהארן אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א - מאנטאג וירא תשפ"ב





***זכרונות פון ראש השנה תשפ"ב***

אינעם רעכטן בילד זעהט מען דעם ראש ישיבה אויפן וועג צום ציון ערב ר"ה - לינקס מען לערנט מיט די קינדער ערב ר"ה